# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת פנחס, י"ט תמוז, אבות פרק ו', שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 42 (456)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:13
מוצאי שב"ק....................9:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................ירמיה מ"ו-מ"ז
בבלי........................שבת קכ"ז
ירושלמי.....................יומא מ'
תוספתא...................פסחים ו'
רמב"ם..........הקדמת הרמב"ם

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעח): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (בַּמִדְבָּר כה, יא): בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי, אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס עֶר אִיז שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין. דָאס הֵייסְט עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן צַדִיקִים.

מֶען זֶעט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסגֶעאַרְבֶּעט, אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן (אוֹרַח לַצַדִיק, פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ ד"ה מִדְרָשׁ): הַלְוַואי זָאלְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזַא לוֹיטֶערֶע נְשָׁמָה אַזוֹי וִוי מַיין לוֹיטֶערֶער גוּף. אוּן בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אִיז מוֹרָא'דִיג מְסוּגָל, אוּן מֶען לֵייגְט דָאס אוּנְטֶערְן קִישְׁן פוּן אַ יוֹלֶדֶת, אָדֶער אַז מֶען דַארְף דוּרְכְגֵיין אַן אַפֶּערַאצְיֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אַלְץ סְגוּלָה.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען דֶעם סֵפֶר **נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ** אִיז עֶר מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט: דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ אַלֵיין, אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער פוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט אִין זַיין סֵפֶר (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנג).

דֶער הֵיילִיגֶער 'עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז יוּנְגֶערְהֵייט גֶעוֶוען רַב אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל הוּמְנָא [אוּיבֶּערְלַאנְד], אֵיין טָאג אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ פּוֹילִישֶׁער אִיד צוּלִיבּ בִּיזְנֶעס, אִיז עֶר אַרַיין צוּם רַב, דֶער רַב הָאט אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִיךְ אַבִּיסֶעל צוּלֵייגְן, פְרֶעגְט עֶר: דֶער רַב הָאט אֶפְשַׁר אַ **נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ**? זָאגְט עֶר: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דָאס אִיז. וואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶער אִיד אוּן פְרֶעגְט דֶעם רַב: אִיר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ? נֵיין! - עֶנְטְפֶערְט דֶער רַב. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִיד צוּם רַב: אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מִיךְ אַזוֹי שֵׁיין מְקָרֵב גֶעוֶוען, זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים וֶועל אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ שִׁיקְן פַאר אַייךְ אַ **נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ** אוֹיף דִי פָּאסְט.

דֶער אִיד הָאט טַאקֶע גֶעהַאלְטְן וָוארְט, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רַב דִי סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דֶערְפַאר וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַהֲבָה רַבָּה הָאט עֶר זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: **וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ**. דִי רֶעבֶּעצִין וֶוען זִי הָאט גֶעהֶערְט אַזוֹי אוֹיסְטֶערְלִישׁ וֵויינֶען, אִיז זִי אַרַיינְגֶעלָאפְן זֶען צִי עֶס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס גֶעשֶׁען מִיט אִים, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, נָאכְן דַאוֶונֶען פַארְצֵיילְט עֶר: אַ אִיד הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ סֵפֶר אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָארְט שְׁטֵייט, וֶועגְן דֶעם וֵויין אִיךְ אַזוֹי. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעעֶפֶנְט דִי אוֹיגְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס עֶס אִיז דָא אִין דֶעם סֵפֶר, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ חֲסִידוּת. אוּן עֶר אִיז אַסַאךְ גֶעפָארְן קַיין בֶּעלְז, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיךְ דֶעם רוּחַ פוּן חֲסִידוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן סז): אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער עִיקָר זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף זִיךְ; אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם אוּן אוֹיף זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת.

(קוּנְטְרֵס דֶער רִיכְטִיגֶער שָׁלוֹם)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְווִישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַּארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין זַאךְ וָואס זָאל זִיךְ פִירְן אָן אִים, נָאר אַלֶעס אִיז עֶר, אַלֶעס פִירְט עֶר - דֶעמָאלְט אִיז דֶער לֶעבְּן זֵייעֶר זִיס. וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי אֱמוּנָה, מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - דֶעמָאלְט אִיז דֶער לֶעבְּן זֵייעֶר שְׁוֶוער.

טוּ וָואס רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט טוּן; עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵייליכֶער אִיד אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל - אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן אוּן ס'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ. זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" פְלֶעגְט עֶר אִיר עֶנְטְפֶערְן: "דוּ גְלֵייבְּסְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט אַמָאל? נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט; יֶעצְט טַאקֶע הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶס וֶועט נָאךְ זַיין זֵייעֶר גוּט אוּן דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דָאךְ הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת פִּנְחָס תש"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## קֶען אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַייעֶרע עֵצוֹת, אָן צוּ זָאגְן פוּן וואוּ אִיךְ נֶעם עֶס?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' עוֹסֵק אִין חִינוּךְ מִיט יוּנגֶע בָּחוּרִים, אִיךְ הֶער אַסַאךְ אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְן דִי בְּרִיוו, אוּן אִיךְ נֶעם פוּן דָארְט אַסַאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אוּן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי עֵצוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אָן צוּ זָאגְן אַז אִיךְ נֶעם דָאס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אַזוֹי ווִי בָּחוּרִים קוּמֶען צוּ מִיר כְּסֵדֶר מִיט אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אִין פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים, וואוּ נֶעמְט מֶען דִי כֹּחַ אוּן שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אוֹיף זַאכְן וָואס מְ'הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם פְרִיעֶר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל כְּסֵדֶר רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר זָאגְט אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס אַרְט מִיר אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן עֶרְלִיךְ מִיט כַּוָּונָה, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט ווִיסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר".

דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ו): "כָּל הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ - מֵבִיא גְאֻלָּה לָעוֹלָם", אַז מֶען זָאגְט עֶפֶּעס נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט - בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָּה; דָאס אִיז וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם אַ גְאוּלָּה, עֶס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם, אָבֶער אוֹיבּ וֶועט דָאס מַאכְן אַ חוּרְבָּן דַאן אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט עֶס גֶעהֶערְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מְגַלֶּה עֲמוּקוֹת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ מְגַלֶּה עֲמוּקוֹת, עֶר אַנְטפְּלֶעקְט טִיפֶע סוֹדוֹת, מִמֵּילָא אִיז דָאס נִישְׁט קַיין לִיגְנְט".

יֶעצְט וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז טַאקֶע דֶער פְּשַׁט פוּן דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל, אַז מֶען זָאגְט נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָּה; וָואלְטְן זִיךְ אַלֶע מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן וואוּ זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר חִיזּוּק, וָואלְטְן אַלֶע פַארְצֵיילְט פַּאר זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וואוּ דֶער סוֹד לִיגְט בַּאהַאלְטְן - וָואלְט מָשִׁיחַ גֶעקוּמֶען. ווַייל פוּנְקְט ווִי דוּ נֶעמְסְט שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אַזוֹי אִיז אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; יֶעדֶער לֶעבְּט פוּן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס חִיזּוּק, עֶס אִיז אָבֶער בְּהֶסְתֵּר, בַּאהַאלְטְן; מֶען שֶׁעמְט זִיךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט; וָואלְט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן וואוּ מֶען נֶעמְט דִי חִיזּוּק, מֶען וָואלְט נָאכְגֶעזָאגְט דִי דִיבּוּרִים בְּשֵׁם אוֹמְרָם - וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען דִי גְאוּלָּה.

אוֹיף דַיין צְווֵייטֶע פְרַאגֶע פוּן וואוּ מֶען נֶעמְט כֹּחַ וְכוּ'; אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים - נִישְׁט נָאר עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין כֹּחַ, פַּארְקֶערְט, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ פוּן דֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## הֵייבּ אוֹיף דַיין ווַייבּ, שְׁטַארְק אִיר אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אִירֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דַיין ווַייבּ תִּחְיֶ'.

צְווֵייטְנְס, זָאלְסְט אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן מְחַזֵּק זַיין. זָאג אִיר אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט בַּיי אַנְדֶערֶע אוֹיךְ; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ פֶעלֶער וָואס גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה בָּחוּרִים פְלֶעגְן זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט דֶעם, מֶען הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט וְכוּ' אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן וְכוּ' צְווִישְׁן דִי בָּחוּרִים.

דְרִיטְנְס, נֶעם אִיר צוּ אַ דָאקְטֶער; אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען דָאס פַארְרֶעכְטְן מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט.

פֶערְטְנְס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם מִיט סַבְלָנוּת, בִּיז אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

וְעַל כּוּלָם, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ; דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן, גֶעוֵויינְט, גֶעוַוארְט, גֶעזָארְגְט אוּן גֶעטוּן סְגוּלוֹת פַאר דַיין שִׁידוּךְ, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם, אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין ווַייבּ; זָאלְסְט אִיר הֵייבְּן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. אִין אִירֶע אוֹיגְן זָאלְסְטוּ אַוֶועק מַאכְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם; אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט בַּא'טַעמְ'ט וְכוּ', זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען גְרִינְג אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, ווַייל מֶען קֶען טַאקֶע גְרִינְג אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי אַלֶע וָואס לַיידְן אוֹיף דֶעם פַארְלִירְן זֵייעֶר זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט ווַייל מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי, אַזוֹי אוֹיךְ טוּעֶן זֵיי זִיךְ זֶעלְבְּסְט פַארְשֶׁעמֶען אוּן קְלַאפְּן, דָאס אִיז שׁוֹין אַ שְׁוֶוערֶערֶע זַאךְ ווִי דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַלֵיינְס. פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט - דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה; עֶס קֶען נֶעמֶען לַאנְגֶע יָארְן בִּיז מֶען בּוֹיט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְט אוֹיפְהֵייבְּן דַיין ווַייבּ, פְּרוּבִּיר זִיךְ אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין אִיר מַצָּב; ווִי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר אַזַא פְּרָאבְּלֶעם, דוּ וָואלְסְט דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דַיין קָאפּ צוּ קוּקְן דַיין ווַייבּ אִין דִי אוֹיגְן פַאר בּוּשָׁה, יֶעצְט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז פַארְקֶערְט, זִי הָאט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם - זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵּק זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֶּלִי", אַ פְרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִיר מַאן וֶוען דֶער מַאן מַאכְט אִיר פַאר אַ כֶּלִי, דָאס הֵייסְט עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף.

**אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען אַז זִי וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִיר פְּרָאבְּלֶעם.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח/חֻקַּת-בָּלָק תש"פ)

>>>>>>

דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם ווַייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם ווַייזְט "אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

נָאר אַזוֹי ווִי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט מֶען עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגֶלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי ווִי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א') כָּל רוֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדְפֵי - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְווֵייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

### פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה א') אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רוֹאֶה". זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי ווִי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְּרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶער ווִיסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי ווִי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן

<<<<<<

>>>>>>

שְׁוועריקייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ טוּנְקְל פַּאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְ'ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

## נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הָארֶץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער אוֹיפְ'ן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶען וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וְוִי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק זָאל מִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קַשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וְוִי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְ'ן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע, אַזוֹי וְוִי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְ'ס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ', מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## זָאל אִיךְ בַּאדִינֶען מַיין טַאטֶע, אָדֶער אִיז דָאס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז, אִיךְ בִּין שׁוֹין 35 יָאר אַלְט, אוּן דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, דוּרְךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דִי וָואךְ אַבִּיסְל, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, מַיין מַאמֶע לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, אוּן מַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי פִיס לֹא עָלֵינוּ, אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאוֶועגְן גֶעהֶערִיג, אָבֶּער זַיין קָאפּ אִיז בָּרוּךְ ה' אוֹיפְ'ן פְּלַאץ. אִיךְ הָאבּ אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ אָבֶּער אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִים צוּ בַּאדִינֶען אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר פַארְלַאנְגְט זַאכְן אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ טוּ דִי מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא אַז דָאס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אַז אִיךְ בִּין אַזוֹיפִיל פַארְנוּמֶען מִיט אִים.

זָאל אִיךְ אִים וַוייטֶער בַּאדִינֶען אִינְדֶערְהֵיים, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ פַאר אִים, צוּ קֶענֶען זַיין מֶער פַארְנוּמֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ הַאלְטְן דַיין טַאטֶע בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; זָאלְסְט אִים מְכַבֵּד זַיין אוּן בַּאדִינֶען מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס כָּבוֹד.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז עֶס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ'; דָאס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן. דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט צַייט פַאר אַלֶעס, עֶר הֶעלְפְט דִי עֶלְטֶערְן, עֶר הֶעלְפְט דִי וַוייבּ אוּן אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, וְוִידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט נִישְׁט קַיין צַייט - נִישְׁט פַאר זַיין טַאטֶע, נִישְׁט פַאר זַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער.

פוּנְקְט וְוִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ גֵיין דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב נֶעמְט דָאס נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי צַייט פוּן דִי וַוייבּ, נָאר דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְּן; אַזוֹי אִיז מִיט כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דָאס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן קֵיינֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן, דָאס אִיז וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן; מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע מַאמֶע אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס.

וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיים מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ; בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרַיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְוִוישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי וְוִי אִיר זֶענְט מִיר מְכַבֵּד"; אוּן וֶוען עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִיז דָא אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז עֶס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; פַארְקֶערְט, דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע חִינוּךְ פַאר קִינְדֶער אִיז וֶוען זֵיי זֶעעֶן וְוִי מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶעעֶן דֶעם אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן אוּן לְהַבְדִיל אַ נִישְׁט אִידִישֶׁע לֶעבְּן. בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז דִי זֵיידֶע בַּאבֶּע דֶער קְרוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַלֶעס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דִי עֶלְטֶערְן; מֶען קוּקְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, מֶען טוּט וָואס דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן, אַנְדֶערְשׁ וְוִי בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם וָואס דִי יוּגְנְט פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער וְוִי דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת-בָּלָק תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3



# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי שִׁיף אוֹיף וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ קוּמְט אָן אִין דִי נַאכְט פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ צוּם שְׁטָאט רַאדִישׁ, וואוּ סְ'גֶעפוּנְט זִיךְ אַ אִידִישֶׁע קְהִלָּה, זֵיי גְלוֹיבְּן אָבֶער נִישְׁט אַז דִי אַרַאבֶּער וֶועלְן זֵיי דָארְט לָאזְן אַרָאפְּגֵיין.**

**רצד**

אוּם פְרַייטָאג, י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, אִיז דֶער קַאפִּיטַאן גֶעפָארְן מִיט עֶטְלִיכֶע אַרַאבֶּער אִין אַ קְלֵיין שִׁיפְל צוּ דִי שְׁטָאט רַאדִישׁ. דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם קַאפִּיטַאן אַז זֵיי דַארְפְן בְּרוֹיט, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט סִימָנִים מִיט דִי הֶענְט, אוּן דֶער קַאפִּיטַאן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם וֶועג אַז סְ'אִיז דָא דָא אִידְן אוּן זֵיי וֶועלְן דָא קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, עֶר הָאט צֶעמִישְׁט דֶעם מֹחַ פוּן דֶעם קַאפִּיטַאן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אַרוֹיס פוּן מוֹיל אָן טְרַאכְטְן אַז עֶר וֶועט מִיטְנֶעמֶען אֵיינֶעם פוּן זֵיי אִין שְׁטָאט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט. דֶער בַּאגְלֵייטֶער פוּן רֶבִּי'ן, ר' יִצְחָק, אִיז טַאקֶע גְלַייךְ מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן, אוּן אֵיין אַרַאבֶּער אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען צוּ הִיטְן עֶר זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן.

דֶער וֶועג צוּם שְׁטָאט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה, אוּן מְ'הָאט זִיךְ גְרִינְג גֶעקֶענְט אַרוֹיפְכַאפְּן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ שְׁפִּיָאן, וַוייל מְ'הָאט גְרִינְג דֶערְקֶענְט עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אָרְטִיגֶער אַיינְוואוֹינֶער, נָאר פוּן גָאר אַ וַוייטֶער לַאנְד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע טוֹיעֶרְן אוּן וֶועכְטֶער בְּשָׁלוֹם, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם חָכָם הַכּוֹלֵל אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס סְ'הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, אוּן אַז זֵיי זֶענֶען פַארְכַאפְּט אוֹיף אַ מִלְחָמָה שִׁיף.

עֶר הָאט אַלֵיין נִישְׁט גֶעוואוּסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס צוּ זָאגְן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דֶער קַאפִּיטַאן וִויל טַאקֶע טוּן מִיט זֵיי, אַזוֹיפִיל הָאט עֶר אִים אָבֶער גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען כִּמְעַט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַ סַכָּנָה.

בַּיי ר' יִצְחָק הָאט יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אוֹיסְגֶעזֶען וִוי לַאנְגֶע שָׁעוֹת, דֶער חָכָם הָאט אָבֶער נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי מִלְחָמָה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן אַלֶע נַייעֶס וָואס גֵייט פָאר, אוּן עֶר הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט בַּארוּאִיגְט ר' יִצְחָק אַז עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אוּן ר' יִצְחָק הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר.

ר' יִצְחָק הָאט גֶעפְּלַאנְט צוּ קוֹיפְן דָארְט מַצּוֹת אוּן וַויין אוּן צוּרִיק גֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיפְ'ן שִׁיף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אָבֶער אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אִין קָאפּ אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַכְסַנְיָא אִין טְבֶרְיָה הָאט עֶר דָארְט גֶעהֶערְט פוּן ר' צְבִי הַארְקֶער אַז זַיין וַוייבּ אִיז פוּן אַ סְפַרְדִ'ישֶׁע מִשְׁפָּחָה אוּן זִי אִיז אַ גְרוֹיס מְיוּחֶסֶת, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט אַ בְּרוּדֶער אִין רַאדִישׁ וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן צַדִּיק.

יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט, עֶר הָאט אָבֶער יָא גֶעוואוּסְט דֶעם נָאמֶען פוּן דִי וַוייבּ פוּן ר' צְבִי הַארְקֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אַ חָכָם וָואס הָאט אַ שְׁוֶועסְטֶער אִין טְבֶרְיָה, אוּן מְ'הָאט אִים גְלַייךְ צוּגֶעוִויזְן וואוּ עֶר וואוֹינְט.

ר' יִצְחָק אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים, אוּן דֶער חָכָם הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט אִיבֶּער אַלֶעס וָואס ר' יִצְחָק הָאט דֶערְצֵיילְט אִין הוֹיז פוּן עֶרְשְׁטְן חָכָם, אוּן גְלַייךְ וֶוען ר' יִצְחָק אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן דֶער חָכָם אִים גֶעזָאגְט, "דַארְפְּסְט גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, מַעֲשִׂיּוֹת וֶועסְטוּ מִיר דֶערְצֵיילְן, אִם יִרְצֶה ה', בַּיים סֵדֶר.

ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דִי יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען אַזוֹי שְׁנֶעל אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען זִיצְן דָארְט בַּיים סֵדֶר.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## 4 פרישע חתנים אין ישיבה

אין די לעצטע צווי וואכן איז געשלאסן געווארן 4 שידוכים פון תלמידי הישיבה למזל טוב, צו די גרויסע פרייד פון אלע בחורים אין ישיבה.

הבה"ח נפתלי ב"ר ברוך אפעלדארפער הי"ו איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה יושע פריעדמאן הי"ו. הבה"ח יוסי קורץ הי"ו איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה מיכאל אלטמאן הי"ו. הבה"ח יענקי ב"ר דוד יודא איידליס הי"ו איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו. הבה"ח קלמן ב"ר אהרן וועבערמאן הי"ו איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה נחום כ"ץ הי"ו.

אלע בחורים אין ישיבה פרייען זיך מיט די גרויסע שמחה פון זייערע חברים וואס זענען חתנים געווארן למזל טוב, און וואונטשן זיי אז זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן שיינע אידישע שטיבער, עז זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

# גאנצע סעט "אשר בנחל" אין אידיש, איבערגעדרוקט אין קרן הדפסה

מיט גרויס שמחה איז אויפגענומען געווארן די פרייליכע נייעס אז מען האט יעצט איבערגעדרוקט פון ניי דעם גאנצן סעט "אשר בנחל" אין אידיש.

טויזנטער אידן זענען זיך מחיה טאג טעגליך מיט'ן לערנען יעדן טאג א פארציע אינעם הייליגן ספר "אשר בנחל" וואס מוהרא"ש האט געשריבן מיט מסירות נפש. יעדער וואס לערנט דאס, זאגט עדות ווי עס פלאמט אים אויף דאס הארץ צום אייבערשטן, עס וועקט אים אויף אז ער זאל זיך נישט פארלאזן אויף קיין מענטשן נאר גלייך לויפן צום אייבערשטן און אים אויסדערציילן אלעס וואס דריקט אים.

עס וועקט אויף דעם מענטש, אז נישט קיין חילוק וואס עס איז דורך אויף אים ביז יעצט, זאל ער יעצט אויפשטיין פון בעט, זיך אפגיסן נעגל וואסער, לויפן אין מקוה, און גיין דאווענען מיט מנין, און דערנאך גיין אביסל לערנען, און אזוי אנהייבן דאס לעבן פון דאסניי.

ווען מען לערנט אין דעם הייליגן ספר, שפירט דער מענטש ווי מוהרא"ש האט רעדט ממש צום אים אין זיין מצב ווי ער פערזענליך געפינט זיך יעצט, און ער טרעפט ענטפערס צו אלע זיינע ספיקות, און פלאנטערנישן וואו ער איז אריינגעפאלן.

מוהרא"ש האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם ספר גאר גרויסע זאכן, מוהרא"ש ז"ע האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט נאר דרוקן דעם הייליגן ספר, וועט ער האבן א ישועה וואס ער דארף.

צו באקומען דעם הייליגן ספר אשר בנחל אדער אלע אנדערע ספרים, קען מען רופן די קרן הדפסה אויף **718-387-2691** אדער אימעילט צו **Mail@kerenhadfusa.org**

**נחל נובע מקור חכמה!**


# אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד

אלי קנאלל

**718-506-4341** Travel the right way


הגליון נתנדב ע"י

החתן **קלמן וועבערמאן** נ"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים

# סימן טוב ומזל טוב

הבה"ח **יענקי איידליס** נ"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

...

הבה"ח **יוסי קורץ** נ"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

...

הבה"ח **קלמן וועבערמאן** נ"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

...

הבה"ח **נפתלי אפעלדארפער** נ"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

...

מו"ה **אליעזר שלמה גרינבלאט** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


# האלט זיך שטארק

**דו גייסט אריבער שוועריקייטן אין לעבן?**

**זאכן גייען נישט ווי דו האסט געפלאנט?**

**געב נישט אויף, האלט זיך שטארק!**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 42**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**